# פיניעלע מזיק

## גוט לשון



א קלאל יאטען, ס'מאכט זיך! צאט גורנישט גיהערט? מ'מאכט דאך שוין היינער וויבאריעס צום שטאט־נאר (געמיינט: שטאט־ראט).

צעט עפעס זעהען, סארע רוכיוויסקע סעט זיך מאכען, סארע ביין אונגעלייף סעט זאן אפן שמולן געסל, מעט זעהען אזעלכענע פשויצען, וואס מ'־עהט זיי נישט גאנצע יאהרן. צעט זעהען, ווי די ווילקער שמינטיליגענציע עט האקען מיט די לע קערס, און רעדען עלן זיי אזא זאגראניטשנע יאלדיש לגשן: רעכט אף ארבעט, פינוסטע און גיזיבט, שקא לעס, פאליקע מאסן, און זיי, די גיבראשענע יאלדן, מיינען מאקיש, אז די עלן אונדז, יאטן, נעמען אפ זאכער.

הערט מיך אעס, עך ווילקער טשאקערס, וואס איך, פיניעלע, עט עטק זאגן:

צמיינט מאקיש, אז אין שמולן געסל גידענקט מע ניש, וואס עך אט געטשאקעט מיט 6 יאהר קריק, אז די וויבאריס צום פרייריקן שטאט־נאר. צאט דערמולץ גיזאגט, אז צעט אונז געבן לעקטריק און בין האנט ברענט מע מיט לאכטלעך. צאט גיזוגט, אז אין שמולן געסל עט גיין א טראנוויי — נו, וואו אט עך דעם טראנוויי — און ווילקע! צאט גיזוגט, אז צעט מאכן שקאלעס פאר אינדזערע באליטער יאטן, נו וואו אט עך די שקאלעס — אף דער פרימיגאדע, אף שוויבדמיעסקע — די שמאליך מאכער עסן טשולנט אין די וואכענס און איך שמולן געסל אט מע סגידוכים. צמיינט, אז מ'־גידענקט ניש, וואס צאט מיט 6 יאהר קריק גי־זארשנט — איך, פיניעלע, גידענק דאס, און אלע יאטן פון שמולן געסל גידענקן דאס. צום יעצטיגן שטאט־נאר עט עך אונז מער ניש טשאקן. מיר בראכן ניש די ווילקער! מיר קענען אלייט גיין צום שטאט־נאר. און טאמער עט א ווילקער יאלד זיך אדוואנשען צי קימען אין שמולן געסל, עט מע עיעם מאכן שוואריץ שאביס.

גידענקט, וואס ס'זאגט עך ווילקער יאלדעך פיניעלע מזיק פון שמולן געסל!

# דער פעראייניגטער האנדווערקער־פראנט

מ'דערציילט:

די טעג איז פארגעקומען א פערטרויעליכער געשפרעך צווישען אדוו. וויצמאן מיט ד"ר קרויש וועגן פעראייניגען ביידע האנדווערקער־קלובען. צווישען ביידע פארשטעהער איז געקומען צו א פערשטענדיגונג.

נאך דער פערשטענדיגונג זאגט אדוו. וויצמאן צו ד"ר קרויש:

— גלויבט מיר פאניע דאקטאושע אז איך ווינש איך דאסזעלבע, וואס איהר ווינשט מיר.

— איך פערשטעה איך נישט, פאניע מעניע־נאשע, האט קרויש געענטפערט: באר וואס האט איר זיך פערשטענדיגט, און איהר ווינשט מיר שוין שלעכטס?!..

# אונזער ענציקלאפעדיע קיבעצארניקא

פארב־ברעכער — א מעדעל וואס פארבט זיך.

א גאטין — א יודענע, א פערהעהעניש, אבי יענעמ'ס.

כינא — וואס יאפאן וויל איבעמען, כדי צו ווערען שטארקער.

קיגעל־טאפ — ענליך צו א שונד־פיעסע: א גראבע זאך מיט א פעטען אינהאלט...

פילאב־טראפען — מענשען, וואס פערכאפען אלעס וואס זיי קענען און געבען צוריק א טראפען.

# א ראפארט פון א דארפס־פאליציאנט

... נישט ווייט פון דער סטאדאלע האט א געוויסער קאפושטשאנסקי שווער פערוואונדעט זיין פרוי מיט וועלכער ער האט געהאט 7 קינדער מיט דער הילף פון א זעך מיט א האמער איבערן קאפ.

# א תחינה פון א לאדזער יודענע

.. היט מיך גאט פאר הונגער, בויט, קעלט, פאר מלחמות, פאר גאז־אנגריפען, פון דער קאסע־כאריך און פון אנדערע אומגליקען.

# פון „לינת הצדק“

דאקטאר פון דער נאכט־פאגאטאוויע (צו דער פרוי וואס דער מאן האט פלוצים בעקומען א שגעלד־אנפאל): האט אייער מאן שוין אמאל געהאט א א שווערען שגעלד־אנפאל?

פרוי: ניין, פאניע דאקטאושע, היינט צום ערשטען מאל, ווען ער האט אויסגעפיהלט די פאר־מולארען פון דער „אובעזפיעטשאלנע ספאלעטשנע“.

# אויפ'ן דעפטאק

זי: זאגען זי מיר פאניע מאבקו, זי ווילען מיט מיר חתונה האבען, דערפאר וויל איך האב געלד?

ער: אויסגעשלאסען! דערפאר וויל איך האב נישט קיין געלד.

# צווישען בטלנים

— נאך גוט, וואס ביי אונז אין פוילען זענען נישטא אזעלכע מיליארדען־אפעריסטען ווי סטאווי סקי אין פראנקרייך.

— אפעריסטען זענען דא, ס'פעהלען גאר די מיליארדען.

# נעקראלאג.

דעם 31־טען דעצעמבער איז נאך לאנגע שווערע ליידען געשטארבען

# נ"ע קאסא כאריך

## געבוירען דעם 19. מאי 1920

די פערשטארבענע איז די גאנצע יאהרען פון איהר לעבען געשטאנען אין אנ'ענגען קאנטאקט מיט „חסד של אמת“ און האט א גרויסען אנטיילגענומען אין דער שטערבליכקייט פון דער לאדזער בעפעל קערונג. די לייה פון דער יונג־פערשטארבענע איז פארגעקומען פון טרויער־הויז, וואולטשאנסקא 225.

זאל איהר די ערד אויף וועלכער זי האט זיך אזוי גוט געפיהלט — לייכט זיין, אזוי לייכט ווי זי האט געגעבען קראנקהייטס־אונטערשטיצונגען

וועגען דער גרויסער אבידה טיילען מיט איין גרויס צער

# די פערזיכערטע.

מ'בעט נישט צו קאנדילירען.


# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט“ נומער 29 — פרייטאג, דעם 2 פעברואר 1934


# ער ווייסט שוין



ווי אזוי זיך צו „בעשיצען“ בעת א גאז־אנגריף...

# בירגער יודען!

ל. א. פ. פ. (ליגע פאר לופט-און אנטי-גאז-פערטיידיגונג) טרעט-צו איצט צו א פערשטארק-טער פראפאגאנדע-אקציע פאר איהרע צילען אויפן גאנצן שטח פון דער פוילישער רעפובליק.

שטרעבענדיג צוצוקומען צו די ברייטסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג אין לאנד, אלזא אויך צו דער יודישער געזעלשאפט—האבען די לייטענדע ארגאנען פון ל. א. פ. פ. געשאפען דעם צענטראלען ארגאניזיר-קאמיטעט צו פראפאגירען צווישען די ברייטסטע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג די צילען און אויפגאבען פון ל. א. פ. פ. און צו בעוועגען דעם יודישען כלל זיך לעבהאפטער צו פעראינטערעסירען מיט דער דאזיגער טעטיקייט.

עס איז א בעקאנטע זאך, אז דער ל. א. פ. פ. האט דורך זיין ביז-איצטיגער טעטיקייט גרויסע פערדינסטען אין דער געשיכטע פון'ם בעפרייטען פוילען דורך שטיצען די ענטוויקלונג פון דער לופט-פליהעריי, פונאנדערבויאונג פון די לופט-פליה-פארטען, בויען שולען פאר דער לופט-פליהעריי א. ד. ג. און א רייהע נצחונות פון די פוילישע לופט-פליהער אויף אעראפלאנען פון דער פוילישער קאנסטרוקציע, ביי דער מיטווירקונג פון ל. א. פ. פ. האבען בערימט געמאכט די פוילישע לופט-פליהעריי אויפ'ן אינטערנאציאנאלען פארום.

יעדע אקציע פון ל. א. פ. פ., זיין יעדער רוף, געפינט א ווארימען אבקלאנג אויך צווישען דער יודישער בעפעלקערונג, וואס ווייסט ווי אבצושאצען די גרויסע צילען און אויפגאבען פון ל. א. פ. פ. אויך אויפ'ן געביט פון פערטיידיגען די ציווילע בעפעלקערונג, אין פאל פון לופט-און גאז-אנגריפען.

עס איז די אויפגאבע פון ל. א. פ. פ. אויסצושולען אלע בירגער ווי אזוי זיך שיצען אין פאל פון א געפאהר, ווי אזוי אויסצומיידען אומגליקס-פאלען און היזקות בעת א לופט- און גאז-אנגריף.

פערשטעהענדיג די וויכטיקייט פון דער זיכערהייט פון דער מלוכה און פון אלע איהרע בירגער, ווענדעט זיך דער לאדזער קרייז-קאמיטעט צו פראפאגירען צווישען די ברייטסטע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג די צילען און אויפגאבען פון ל. א. פ. פ. מיט א הייסען אפעל צום גאנצען יודישען כלל צו שטיצען אקטיוו אלע אונטערנעהמונגען פון ל. א. פ. פ. דורך פערשרייבען זיך מאסענווייז אלס מיטגלידער פון ל. א. פ. פ., דורך פיהרען אנ'אויפקלערונגס-פראפאגאנדע אין די יודישע פעראיינען און ארגאניזאציעס, דורך בילדען לאקאלע ל. א. פ. פ.-קרייזען אין די דאזיגע פעראיינען און ארגאניזאציעס און דורך נדבות לטובת דער אקציע פון דער לופט-און אנטי-גאז-פערטיידיגונג.

## מיר זענען זיכער, אז אונזער אפעל וועט געפינען א לעבעדיגען אבקלאנג און וועט ווארים אויפגענומען ווערען דורך די ברייטסטע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג.

## געדענקט, אז

# נור די ארגאניזירטע און צוגעגרייטע צו דער לופט-און-אנטי-גאז-פערטיידיגונג וועט נישט דראהען קיין שום געפאהר

„צענטראלער ארגאניזיר-קאמיטעט צו פראפאגירען צווישען דער יודישער בעפעלקערונג די צילען און אויפגאבען פון ל.א.פ.פ."

## פרעזידיום:

רפאל שטרטשאווסקי – פרעזעס

מאוריצי מייזעל – וויצע-פרעזעס פון ווארשעווער שטאדט-ראט

ד"ר הענריק ראזמאריז – סיים-דעפוטאט, וויצע-פרעזעס פון „יודישען קאלא"

אלי' מאזור – פרעזעס פון דער ווארשעווער קהלה

} – וויצע-פרעזעסן

רעד. מארק טורקאוו – סעקרעטאר

## קרייז-קאמיטעט פאר דער פראפאגאנדע פון ל.א.פ.פ. צווישען דער יודישער בעפעלקערונג אין לאדז, דאמבראווסקי-פלאץ

---

## פרעזידיום:

פרעזעס: סטאניסלאוו יאראטשינסקי פרעזעס פון דער געזעלשאפט צו פערשפרייטען בילדונג און טעכנישע וויסענשאפט צווישען יודען

וויצע-פרעזעסן: י. ל. מינצבערג · סיים-דעפוטאט · פרעזעס פון דער יודישער גמינע

נאום עטינגאן

סעקרעטאר: אדוו. אלפרעד בעלער פרעזעס פון פעראיין פון יודישע אנטיילנעהמער אין די קאמפן פאר פוילענס אומאבהענגיקייט

## מיטגלידער:

עדוואַרד באביאצקי – פרעזעס פון לאנדס-פערבאנד פון דער טעקסטיל-אינדוסטרי

דר. מארקוס ברוידע – פרעזעס פון דער יודישער שול-געזעלשאפט

ש. בודזינער – פרעזעס פון ראט פון לאדזער דיסקאנטא-באנק

פיאטר כארי – פרעזעס פון קליינהענדלער-פעראיין

הרב יוסף פיינער

רעד. לאזאר פוקס

מיעטשיסלאוו הערץ – וויצע-פרעזעס פון דער האנדעלס- און אינדוסטרי-קאמער אין לאדז

יוליוש לעוושטיין – פרעזעס פון סוחרים-פעראיין אין לאדז

אדוו. זיגמונט מטנקעס

אינזש. גרשון פראשקער – פרעזעס פון צענטראלען סוחרים-פעראיין

ג. וואלמאן – פרעזעס פון קליינהענדלער-פעראיין

D Szczecińskiego w Łodzi, Narutowicza 11, telefon 155-46

